**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/18/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער ביל צו באשיצן די האדסאן ריווער פון אפלויף וואסער פון די רייניגונגען פון אינדיען פוינט

***דער געזעץ (S.6893/A.7208) וועט באשיצן די האדסאן ריווער דורכן באגרעניצן דאס ארויסלאזן פליסיגקייטן אין פארבינדונג מיט דאס פארשליסן און אויסרייניגן א נוקלעארע פאוער פלענט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט איינגעשריבן א ביל (S.6893/A.7208) אין געזעץ מיט די ציהל צו באשיצן די עקאנאמישע וואוילזיין פון די האדסאן ריווער ראיאן דורכן באגרעניצן דאס ארויסלאזן פליסיגקייטן וואס אנטהאלטן סיי וועלכע ראדיאקטיווע מאטעריאלן אריין אין די האדסאן ריווער אין פארבינדונג מיט די פארשליסונג און אויסרייניגונג פון א נוקלעארע פאווער פלענט.

"די האדסאן ריווער איז איינס פון ניו יארק'ס היסטארישע נאטורליכע אוצרות, און עס איז קריטיש אז מיר זאלן שטיין צוזאמען עס צו באשיצן פאר צוקונפטיגע דורות", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע בלייבט פארפליכטעט צו באשיצן די עקאנאמישע וואוילזיין פון די ראיאן, און מיר ארבעטן פון די נאענט מיט לאקאלע קאמיוניטיס וועלכע האבן אזוי אייפערדיג געשתדל'ט פאר די צוועק."

דער געזעץ ציהלט צו באהיטן קאמיוניטיס אין ניו יארק'ס האדסאן וואלי ראיאן. די אדמיניסטראציע וועט פארזעצן צו ארבעטן פון די נאענט מיט פעדעראלע געזעצגעבער, מיט Holtec, מיט לאקאלע בעאמטע און מיט די סטעיט'ס אויסרייניגונג אויפזיכט באורד (Decommissioning Oversight Board) צו טרעפן פארהעלטנסמעסיגע און אקצעפטירבארע אלטערנאטיווע וועגן צו אוועקוואַרפן די אפלויף וואסער כדי די אויסרייניגונג פראצעדור פון אינדיען פוינט זאל קענען ווייטער אנגיין, דזשאבס צו קענען געהאלטן ווערן און די פלאץ צו קענען אויפגערייניגט ווערן אויף א זיכערן, דורכדרינגליכן און פלינקן פארנעם.

**סטעיט סענאטאר פיט הארקהעם האט געזאגט,** "א דאנק אייך, גאווערנער האקול, פארן אונטערשרייבן דעם 'ראטעוועט די האדסאן' ביל און פארן באשיצן איינס פון אונזער לאנד'ס וויכטיגסטע נאטורליכע אוצרות. דער היסטארישער געזעץ פארמיידט דאס ארויסלאזן ראדיאקטיווע אפלויף וואסער אריין אינעם טייך, און עס באשיצט די שטאנדהאפטיגע עקאנאמישע וואוילזיין פון די ראיאן. אויך א דאנק פאר די פילע איינוואוינער, ענווייראמענטאלע שתדלנים און קאלעגן וועלכע האבן געקעמפט צוזאמען מיט אונז אזוי אייפערדיג צו אנקומען צו די תוצאה. זייענדיג די הויכפונקט פון א געוואלדיגע מאס פון שווערע ארבעט און צוזאמענארבעט — איז גאווערנער האקול'ס אונטערשרייבונג פון די 'ראטעוועט די האדסאן' ביל איינס פון די גרעסטע ענווייראמענטאלע זיגן אין די סטעיט'ס היסטאריע. מיר שטייען גרייט צו ארבעטן מיט אלע פארמישטע קערפערשאפטן צו טרעפן אלטערנאטיווע לייזונגען צו דעם פראבלעם און צו פארזעצן מיט די צייטליכע און זיכערע אויסרייניגונג פון די אינדיען פוינט פאווער פלענטס."

**אסעמבלי מיטגלידערין דאנא לעווענבערג האט געזאגט,** "די אונטערשרייבונג פון די ביל קומט אלץ פריידיגע נייעס פאר אזויפיל מענטשן אין מיין דיסטריקט און פיל ווייטער. היינט זאג איך א דאנק פאר

גאווערנער האקול און איר אפיס פארן פארזיכטיגערהייט איבערקוקן דעם געזעץ, און פאר מיינע קאלעגן אויף די פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע שטאפלען פאר זייער שטיצע. איך בין אויך געוואלדיג דאנקבאר פאר די שתדלנים וועלכע האבן אוועקגעגעבן צאללאזע שטונדן צוזאמען מיט אונז, די געזעצגעבער, ארבעטנדיג צו אריבערפירן דעם געזעץ. אזויפיל מענטשן אין די האדסאן וואלי זענען ארויסגעקומען צו די קאמף אנטשלאסן צו באשיצן דעם טייך מיט וועלכע אונזער ראיאן איז באקאנט, און מיר וועלן פארזעצן צו ארבעטן צוזאמען אין די קומענדיגע יארן צו פארזיכערן א זיכערע און ערפאלגרייכע אויסריינינגונג פון אינדיען פוינט."

**קאנגרעסמאן דזשאמאל באומען האט געזאגט,** "אריינוואַרפן 1 מיליאן גאלאנען פון ראדיאקטיווע וואסער אין א טייך מיט שטרוימען וואס פארשפרייטן זיך איבער א פלאץ וואס איז א היים פאר מער פון 8 מיליאן מענטשן איז קיינמאל נישט קיין אפציע. פארפעסטיגונג פון איינריכטונגען טאר נישט ערלויבט ווערן צו איגנארירן אומגעשטערט די שטימעס פון אונזערע קאמיוניטיס און צו אריבערשטופן אפפאל אוועקווארפונג פלענער אן זייער צושטימונג. עס דערפרייידט מיך אז גאווערנער האקול נעמט אונטער שריט צו באשיצן ניו יארקער דורכן אונטערשרייבן A7208/S6893 צו פארבאטן פארשלאסענע נוקלעארע פּלענטס פונעם אריינווארפן אפפאל אין די האדסאן ריווער. מיר מוזן אונטערנעמען יעדע באווארענונג מאסנאם ווען עס קומט צו באשיצן די געזונטהייט פון אונזערע קאמיוניטיס, און מיר מוזן שטענדיג לייגן דעמאקראטיע העכער פון באקוועמליכקייט."

**קאנגרעסמאן פעט רייען האט געזאגט,** "פאר צו לאנג האבן גרויסע ביזנעס קערפערשאפטן אריינגעווארפן זייער גיפטיגע אפפאל אין די האדסאן ריווער אומפארשעמטערהייט איגנארירנדיג די זיכערהייט פון אונזערע קאמיוניטיס — Holtec'ס פלאן צו אריינווארפן ראדיאקטיווע מיסט איז נישט געווען אנדערש, און דאס ענדיגט זיך יעצט. דער געזעץ איז א ריזיגע געווינס פאר האדסאן וואלי פאמיליעס און פאר יעדן וואס האט געלאזט זייער שטימע זיך הערן און געזאגט צוזאמען מיט מיר: גענוג איז גענוג. איך וועל האלטן די גרויסע קערפערשאפטן פאראנטווארטליך כדי האדסאן וואלי קאמיוניטיס זאלן האבן די ריינע וואסער וואס קומט זיך אונז."

**קאנגרעסמאן מייק לאולער האט געזאגט,** "אין לויף פון די פארגאנגענע אכט חודשים האב איך געהערט פון צאללאזע בירגער אין מיין דיסטריקט, פון ענווייראמענטאלע ארגאניזאציעס און פון לאקאלע בעאמטע וועלכע זענען געווען באזארגט איבער די פלאץ צו אריינגיסן ראדיאקטיווע אפלויף וואסער אריין אין די האדסאן ריווער אלץ טייל פון די אינדיען פּוינט אויסריינינגונג. מיר האבן געארבעט מיט זיי פון די נאענט צו ציהען אויפמערקזאמקייט צו די נושא און זוכן אלטערנאטיווע לייזונגען. און דערפאר בין איך פרייליך צו הערן אז גאווערנער האקול שרייבט אריין א ביל אין געזעץ וואס וועט פארמיידן דאס אריינלאזן ראדיאקטיווע אפלויף וואסער פון אינדיען פוינט אריין אין די האדסאן ריווער. איך קוק ארויס צו די גאווערנער ארבעטנדיג מיט פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע בעאמטע און אזוי אויך מיט לעיבאר ארגאניזאציעס, לאקאלע ענווייראמענטאלע אקטיוויסטן און מיט Holtec צו באשטימען אן ענווייראמענטאל-זיכערע און פינאנציעל-שטארקע לייזונג צו עלמינירן די אפלויף וואסער אויפן ארט. באשיצן די האדסאן ריווער און אונזערע קאמיוניטיס וואס באנוצן זיך דערמיט איז די וויכטיגסטע פון אלעס — מיר מוזן ארבעטן צוזאמען צו טרעפן א לייזונג וואס קען ארבעטן פאר אלע וועלכע זענען פארמישט."

**קאנגרעסמאן מארק מאלינאראָו האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר פאר די גאווערנער'ס שותפות אויף די אונטערנעמונג צו פארמיידן ראדיאקטיווע אפפאל פון אריינגעווארפן ווערן אין די האדסאן ריווער. איך האב פארברענגט צענדליגע יארן קעמפנדיג צו אויפרייניגן די האדסאן. מיר קענען נישט נעמען א טריט אויף צוריק. דאס איז א שכל'דיגע טריט צו באהיטן די נאטורליכע אוצר."

**קאונטי עקזעקיוטיוו דזשארדזש לאטימער האט געזאגט,** "די היינטיגע טאג צייכנט אפּ א מאנומענטאלע טריט פאראויס ביים באהיטן אונזער מאיאסטעטישע האדסאן ריווער און די האדסאן וואלי

ראיאן. איך לויב אויס גאווערנער קעטי האקול פאר איר פירערשאפט ביים אונטערשרייבן דעם געזעץ, און איך באדאנק אויך סענאטאר פּיט הארקהעם און אסעמבלי מיטגלידערין דאנא לעווענבערג פארן ארויפברענגען די וויכטיגע מאסנאם. היינט לייגן מיר אראפ א פוס און מיר באשיצן די האדסאן ריווער פון פאטענציאלע שאדן דורכאויס אינדיען פוינט'ס אויסריינוגוּנג — שטעלנדיג די ענווייראמענט און מענטשליכע וואוילזיין העכער פון אלע אנדערע שיקולים."

**קאָרטלאנד טאון סופּערווייזאר ריטשארד ה. בעקער, MD, האט געזאגט,** "אין נאמען פון די טאון באורד, פארטרעטנדיג די גאנצע טאון אָוו קאָרטלאנד – די קאמיוניטי וואס איז די היים צו אינדיען פּוינט – וויל איך באדאנקען גאווערנער האקול, סטעיט סענאטאר פיטער הארקהעם און אסעמבלי פרוי דאנא לעווענבערג פארן אריבערפירן א געזעץ וואס פארבאט דאס ארײנלאזן ראדיאקטיווע וואסער אריין אין די האדסאן ריווער. מער איינוואוינער אין די האדסאן וואלי, ארייגרעכענענדיג אין די זיבן קאמיוניטיס וואס באקומען זייער טרונקען וואסער פון די האדסאן ריווער, האבן אויסגעדרוקט זארגן איבער דאס ארײנלאזן ראדיאקטיווע טריטיום אין די טייך. כאטש טענות זענען געמאכט געווארן אז די מאס טריטיום וועט זיין זייער ווייניג און אז טריטיום איז א מאטעריאל וואס איז נאר שוואך ראידאקטיוו, דאך גלויבן די מערהייט פון איינוואוינער אז אפילו אביסל ראדיאקטיווע אויסשטעלונג איז צופיל. פון די אנהויב האבן מיר געגלויבט אז אלערנאטיוון עקזיסטירן און אז עס וועט זיין א שאד צו פארפעסטיגן דעם טייך מיט וואסער וואס אנטהאלט נישט בלויז טריטיום נאר אויך סטראָנטיום און אנדערע גיפטיגע כעמיקאלן. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט די אויסריינוגונג אויפזיכט באורד און אזוי אויך מיט Holtec, מיט וויסנשאפטליכע אויטאריטעטן און מיט אונזערע ענווייראמענטאלע שותפים צו טרעפן א זיכערערע אלטערנאטיוו. מיר זענען דאנקבאר אז דער געזעץ וועט דאס ערלויבן צו געשעהן."

**דייענע דעלעיני, טעקנאלאדזשיסט ביי ווייט פלעינס שפיטאל און א מיטגלידערין פון די SEIU1199 יוניאן, האט געזאגט,** "נוקלעארע אפפאל ווערנדיג ארײנגעווארפן אין די האדסאן ריווער איז א ריזיגע זארג אלץ א וועסטשעסטער איינוואוינערין פאר איבער 30 יאר. גאווערנער האקול אונטערשרייבנדיג דעם געזעץ און האלטנדיג אונזער וואסער ריין און באשיצט איז א געווינס פאר אונזער קאמיוניטי, פאר די ענווייראמענט און פאר אונזער צוקונפט."

**פרעזידענט פון Scenic Hudson, נעד סאָליוואן, האט געזאגט,** "דער קריטיש-וויכטיגער געזעץ וועט פארמיידן Holtec International – די פירמע וואס איז פאראנטווארטליך פאר די אויסריינוגונג פון אינדיען פּוינט – פונעם ארײנווארפן איבער 1 מיליאן גאלאנען פון ראדיאקטיווע אפלויף וואסער אין די האדסאן ריווער. די ביל שיקט א וויכטיגע מעסעדזש פאר ניו יארקער: די האדסאן ריווער איז די מקור פון אונזער געמיינזאמע הצלחה, און עס איז נישט א מיסט פלאץ פאר אינדוסטריאלע אפפאל. די מענטשן פון די האדסאן וואלי שיקן זייערע טיפע דאנקן פאר גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע, פעלזן פעסטע פירערשאפט ביים באשיצן די האדסאן ריווער און די פילע קאמיוניטיס וועלכע פארלאזן זיך דערויף פאר זייער געזונטהייט, פארוויילונג און עקאנאמישע הצלחה. מיר אנערקענען און אפלאדירן אויך די ספּאנסארס פון די ביל, אסעמבלי פרוי לעווענבערג, סענטאר הארקהעם און זייערע קאלעגן, און אזוי אויך Riverkeeper פאר זייער איבערגעגעבענע און גאר ווירקזאמע שתדלנות."

**עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון Environmental Advocates NY, וואנעסא פאַיאַנס-טוירנער, האט געזאגט,** "אין נאמען פון Environmental Advocates NY און די ברייטע רייע פון קאמיוניטיס וועלכע האלטן טייער און פארלאזן זיך אויף די האדסאן ריווער, דרוק איך אויס אונזער הכרת הטוב פאר גאווערנער האקול. מיט זיך איינהערן צו די געמיינזאמע שטימע פון ניו יארקער איז זי ארויסגעקומען אלץ א קעמפערין פאר די געזונטהייט און אנגייענדע לעגענדארע כאראקטער פון דעם טייך און די לעבהאפטיגע לעבנס שטייגערן און עקאנאמיעס וואס עס שטיצט אריבער די האדסאן וואלי. אונטערשרייבן דעם 'ראטעוועט די האדסאן' געזעץ דינט נישט נאר אלץ א געגנשטאנד קעגן סכנות'דיגע ראדיאקטיווע ארויסגעלאזטע אפפאל, נאר אויך אלץ א וועגווייזנדע שילד ווייזנדיג אין די ריכטונג פון א

לעכטיגערע, ריינערע און מער שטאנדהאפטיגע צוקונפט פאר ניו יארק'ס איינוואוינער און קריטישע וואסער שטרוימען, איין טייך אויף א מאל."

**Riverkeeper פרעזידענט, טרעיסי בראון, האט געזאגט,** "Riverkeeper באדאנקט גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט און פארן אונטערנעמען שריט פאר די גוטס פון די הונדערטע טויזנטע ניו יארקער וועלכע האבן גערופן אויף איר צו אונטערשרייבן דעם אומפארטייאישן געזעץ צו אפשטעלן די ראדיאקטיווע אפלויף וואסער פון אריינגעלאזט ווערן פון אינדיען פוינט. דאס שיקט ארויס א קלארע סיגנאל אז ניו יארק סטעיט איז איבערגעגעבן צו פארמיידן Holtec פון נוצן די האדסאן ריווער אלץ א מיסט פלאץ פאר ראדיאקטיווע אפפאל. מיר באדאנקען אויך אסעמבלי מיטגלידערין דאנא לעווענבערג און סענאט ענווייראמענטאלע אפהיטונג טשעירמאן, פיט הארקהעם, פאר זייערע מידלאזע מיהען צו פארזיכערן די געווינס; אונזערע קאאליציע שותפים וועלכע האבן געהאט א שטארקע איינפלוס אין די אנטוויקלונג און אריבערפירונג פון די ביל; און די באזארגטע קאמיוניטי מיטגלידער וועלכע האבן געלאזט הערן זייערע שטימעס."

**צפון-מזרח ראיאנישע דירעקטאר פון Food & Water Watch, אלעקס ביוקעמפ, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול שיקט ארויס א שטארקע סיגנאל צו ביזנעס קערפערשאפטן וואס פארפעסטיגן — אינדוסטריאלע אפפאל האט נישט קיין פלאץ אין אונזער וואסער. די 'ראטעוועו די האדסאן' ביל וועט זיכער מאכן אז די האדסאן ריווער ווערט מער נישט באהאנדלט ווי א גיפטיגע מיסט פלאץ, שטעלנדיג פובליק געזונטהייט און די ענווייראמענט אויף א העכערע פריאריטעט פון ביזנעס פראקטישקייט. Holtec'ס פלאן צו אריינווארפן ראדיאקטיווע וואסער אין די האדסאן ריווער איז געווען סכנות'דיג פון די אנהויב, און ניו יארקער פון אריבער די גאנצע סטעיט האבן שנעל ארגאניזירט א פעסטע ווידערשטאנד. היינט פייערן מיר די מאכט פון אונזערע קאמיוניטיס איבער ביזנעס קערפערשאפטן, און איך באדאנק גאווערנער האקול פארן האלטן אונזער טייך פארזיכערט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן